זיינס, וואָס איז געלאָפן רייסן קברים אויף דער נאָר־וואָס־איינגעפאַלענער טאָכטער זייערער.

6

מ'האָט זיך אומגעקוקט אויף דעם, וואָס אַכציק פּראָצענט פון די כאַליערע־קרבנות זיינען געווען פון ווייבלעכן מין, און עלטערע פרומע ווייבער האָבן אָנגעהויבן נאָכצוזוכן צווישן ווייבער ווייבערשע זינד. צווישן זיך, בסוד סודות, האָט מען אָנגעהויבן נאָכצופאָרשן און נאָכצושפּירן, ווער פון די ווייבער ס'היט נישט אָפּ, ווי ס'געהער צו זיין, די טבילה. הודיע־לאה, די בעדערקע און טוקערין, האָט אָפּגעגעבן די ווייבער אַ באַריכט פון יעדער איינציקער ווייבל און יידענע, פון גאָר דער יינגסטער, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו גיין, ביז דער עלטסטער, וואָס האָט זיך שוין געקליבן אויפהערן צו גיין... און אַז אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין כשר וישר, האָט מען געזוכט אַנדערע חטאים, האַרבערע. אפשר, ווער ווייסט? אפשר אַן אשת־איש?... ניין, די פרומע, גאָטספאָרכטיקע ווייבער האָבן גאָר מורא געהאַט אַפילו צו טראַכטן וועגן אַזעלכעס אויף יידישע טעכטער. אָבער אומזיסט איז עס דאָך פאָרט נישט, וואָס דער גאַנצער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם ווייבלעכן מין. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן קלענערע זינד, ווייל ס'איז נישט קיין מוז, אַז ס'זאָלן דווקא זיין אַזעלכע שווערע חטאים. גאָט דער לעבעדיקער קאָן דערצאָרנט ווערן פאַר קלענערע זינד אויך, און קלענערע זינד קאָנען דאָך יאָ זיין.

לאה פאַנטאָפעלס האָט זיך דערצו אַ נעם געטאָן. זי איז זיכער געווען, אַז ווען זי וועט זוכן, וועט זי עפּעס געפינען ערגעץ־וואו איינע, וואָס טוט עפּעס קעגן גאָט און קעגן זיין הייליקן געבאָט און קעגן די הייליקע ספרים. און זי האָט אָנגעהויבן מדקדק צו זיין אין די פאַרוקן אויף די ווייבערשע קעפּ. זי האָט אַזוי לאַנג בודק געווען, ביז זי האָט ביי איינער אַ יונגער ווייבל אויסגעפונען, אַז איר פאַרוקל איז נישט מער ווי אויף אָפּצונאַרן, מען זאָל נאָר מיינען, אַז זי טראָגט אַ פאַרוקל, אין אמתן האָט זי אירע אייגענע האָר געטראָגן, האָט אירע אייגענע האָר צונויפגעקעמט און צונויפגעמישט מיט די פרעמדע אַזוי קונציק, אַז ווער ס'האָט נישט געוואוסט, אַז זי טראָגט די אייגענע האָר, האָט



נעמיינט, אַז ס'איז אַ פאַרוק, און אַ מענטש פון אַ פרעמד שטעטל, וואָס האָט זי נישט געקענט און נישט געוואוסט, אַז זי טראָגט אַ פאַרוק, האָט געקאָנט מיינען, אַז זי טראָגט אייגענע האָר. אָט צו דער בחורטע האָט זיך עס „לעטאָטשקאַ" צוגעכאַפּט, האָט אין איר אַזוי פיל אַריינגערעדט און אַריינגעמוסרט, אַז דאָס שטאַרבן ווייבער, מיידלעך און קינדער איבער איר, אַז דאָס ווייבעלע, נעבעך, האָט זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר ביזן שאַרבן, טאַקע פון איר אַליין, פון לעטאָטשקען, און זי, לעטאַ, לעטאָטשקאַ, לאה פאַנטאָפעלס, האָט זיך נצחונדיק מיטן זשמוט האָר איבערן מאַרק געטראָגן און געליאַרעמט, און געקוואָלן פון גרויס נחת, און איז געווען אַזוי גליקלעך, ווי זי וואָלט עפּעס אַ גרויסע מכשפה מנצח געווען, ווי זי וואָלט ביי יענער, ביי דער מכשפה, דעם גאַנצן כוח־הטומאה מיט די האָר אַוועקגענומען, און זי האָט שוין אַלעמען פאַרזיכערט, אַז פון איצט אָן און ווייטער וועט שוין קומען אַ סוף צו דער מגפה.

בכלל האָט יעדער איינער עפּעס געטאָן. ס'האָט יעדערער געטאָן, וואָס אים איז אין קריטישן מאָמענט איינגעפאַלן: ווער ס'האָט אויף זיך גענומען צו זאָגן אַלע זיינע יאָרן נאָכן דאַוונען עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, אַן אַנדערער האָט זיך אונטערגענומען צו פאַסטן מאָנטיק און דאָנערשטיק, נאָך אַן אַנדערער איז געלאָפן קברים רייסן און ווער ס'איז אַריינגעפאַלן אין ארון־קודש. אָט די אַלע נדרים און תהילים־זאָגן, און די תעניתים, דאָס לויפן אויף קברים און דאָס פאַלן אין ארון־קודש אַריין האָבן אויף זיך גענומען און געטאָן די אָרעמע. פאַרמעגלעכע און רייכע האָבן זיך געפּרוּווט אויסקויפן מיט צדקה. איינע אַ גבירטע, וואָס ביי איר איז איינגעפאַלן אַן איין־איינציקע טאָכטער, האָט געהייסן אויסמעסטן דעם בית־עולם־פאַרקאַן אין זיין גאַנצער לענג און ברייט, און אַזוי פיל, וויפל דער בית־עולם האָט געהאַלטן, האָט זי געהייסן לייוונט אָפּמעסטן און עס צעטיילט צווישן אָרעמעלייט, און זי האָט טאַקע אַרויסגעריסן פון מלאך־המותס הענט די בת־יחידה אירע... זי, אָט די גבירטע, האָט לכתחילה אָנגעהויבן פון קליינע נדרים, פון פונטן ליכט אין שול, פון אַ מענטעלע אויף אַ ספר־תורה און פון אַ פרוכת אויפן ארון־קודש; אַזוי געטריבן אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז זי האָט „אים" פון איר בת־יחידה פאַרטריבן. נישט

אַלע האָבן, אָבער, אַזעלכע נדרים געקאָנט געבן. געווען אַזעלכע אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט אפילו אויף איין ליכט מנדר צו זיין. זיי האָבן, אַ חוץ וויינען און שרייען, גאָרנישט געקאָנט טאָן פאַר דעם חולה מסוכן, און דערפאַר טאַקע האָבן די געמיינע לייט געטראָגן פאַרביטערטע הערצער אַנטקעגן די פאַרמעגלעכע און גבירים, וואָס האָבן געהאַט ברייטע מעגלעכקייטן זיך אויסצוקויפן פון משחיתעס הענט. מ׳האָט טאַקע באַשיינפערלעך געזען, אַז די צאָל קראַנקע און טויטע איז צווישן די אָרעמע געווען פיל גרעסער, און די אָרעמעלייט זיינען זיכער געווען, אַז אין זכות פון די נדרים און צדקה, וואָס יענע טיילן, ווערן זיי ניצול פון טויט.

די פאַרמעגלעכע און רייכע איז, אָבער, אויך נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. נישט גענוג, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט געבן די לעבעדיקע קבצנים אויף ברויט, האָט מען נאָך געריסן פון זיי פאַר די טויטע אויף תכריכים. על פי גבירישן שכל האָבן די קבצנים געמעגט נישט אַזוי איינלייגן די וועלט דווקא צו באַגראָבן די מתים זייערע אין תכריכים, וואָס מ׳האָט נאָך אַלע מגפה־געזעצן נישט געטאָרט; אין דער צייט נאָך, ווען מ׳האָט עס אַליין נישט פאַרמאָגט און געדאַרפט אָנקומען נאָך קצבה. ס׳איז, דאַכט זיך, אַ גרעסערער פחיתת הכבוד פאַרן מת באַגראָבן צו ווערן אין פרעמדע תכריכים, איידער אָן תכריכים. ס׳האָבן אייניקע פון די גאָר פאַרמעגלעכע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מאַכן פליטה פון שטעטל, אַנטלויפן פון די אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, און איינצייטיק געטראַכט צו אַנטלויפן פון דער מגפה, וועלכע האָט זיך פון טאָג צו טאָג געשטאַרקט און זיך אַלץ ברייטער, ברייטער איבערן שטעטל צעשפרייט.

די צאָל קדישים איז געוואַקסן. ס׳האָבן געזאָגט קדיש עלטערע און אַלטע יידן, בחורים, יינגלעך און דריי־פיר־יאָריקע קינדער, וואָס האָבן נאָך אַפילו ריידן נישט געקאָנט. אַזוי ווי די בעקלעך זיינען אָט־די פיצלעך קדישים געשטאַנען אויסגעשטעלט אויף די בענק און נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, וואָס די טאַטעס האָבן מיט זיי נאָך די מאַמעס געזאָגט. און ווען די גרעסערע און גרויסע קדישים האָבן שוין געהאַט זייער קדיש אָפגעזאָגט, האָבן נאָך לאַנג די פיצלעך יינגלעך געמעקעט:



„אמן, יהא שמיה רבא מברך!...

און ס׳איז געווען אַ שווייגנדיקע שטילקייט אין שול. מ׳האָט שטיל געשוויגן און זיך איינגעהערט צו די ווערטער, וואָס זיינען געקומען פון די קינדערשע מיילער, און מיט שווער־וואָגיקער פרומקייט נאָכגעטראַכט יעדעס וואָרט, ווי יעדעס וואָרט פאַר זיך וואָלט עפעס דערציילט פון קינדערשן עלנט און איינזאַמקייט. מען האָט געקוקט די קינדער אין די מיילער אַריין און ס׳האָבן געשוועבט אין די מוחות די יונגע, נישט לאַנג און נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענע, מאַמעס. ס׳איז עפעס געווען אַ געמיש פון טיף־פיינלעכן רחמנות סיי צו די יונגע מאַמעס, וואָס האָבן אַזוי יונג דאָס לעבן פאַרלאָזט, און סיי צו די פיצלעך יתומים, וואָס זיי זיינען אַזעלכע פיצלעך יתומים געבליבן, און ס׳האָט יעדערער ווי געמיינט אַ טובה צו טאָן אי די פאַרשטאָרבענע, אי די איבערגעבליבענע יתומימלעך, און יעדער איינער האָט מיט האַרציקער פרומקייט אַ כאַפ געטאָן זיך נאָכצוזאָגן:

„אמן, יהא שמיה רבא...!”

7

אין דער גאַנצער חשכות האָבן זיך די „פאָרכטיקע” טעג אַריינגערוקט און, ווילנדיק — נישט ווילנדיק, האָט מען געמוזט יום־טוב מאַכן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פון שבעה אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעלאָזט אין די קראָמען דעם יום־טוב איינצוהאַנדלען. די אלמנס זיינען געגאַנגען איינהאַנדלען, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, אין די זעלביקע קלייטן, וואו די ווייבער זייערע פלעגן איינקויפן. דערביי זיינען מיט אייניקע פון זיי פאָרגעקומען אַ פאָר אינצידענטן, וואָס האָבן אויף אַ לאַנגער צייט געלאָזט אַ שווערן איינדרוק.

געווען אַ פאָר זייעריקע, וואָס פלעגן „נעמען” אויפן בוך יאָרןלאַנג, אַ פאָר מאָל דורכן יאָר זיך צוזאַמענגעחשבונט, אָפגעצאָלט און ווייטער גענומען. דאָ גאָר פלוצלינג האָט זיך איין קרעמער און אַ צווייטער — ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, זיך אָפגעזאָגט צו באָרגן אָט די לאַנגיאָריקע בטוחים. פאַר וואָס? פאַר ווען? — דאָס האָבן די קרעמער נישט געקאָנט זאָגן. זיי, אָט די לאַנגיאָריקע בטוחים,